# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

# מן הבאר ההוא ישקו העדרים

**פרשת בהר**



## כיתה ח' (א-ב)

**הר"ר יואל גרינוואלד הי"ו**
**הר"ר שאול יחזקאל שווארץ הי"ו**

בס"ד

# פרשת בהר

**כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם ושבתה הארץ שבת לה', שש שנים תזרע שדך וגו' ובשנה השביעית שבת שבתון יהיה לארץ וגו'.**

יל"ד דלכאורה הפסוקים כתובים שלא כסדרן, דפתח לאמר ושבתה הארץ שבת לה', ואח"כ שש שנים תזרע שדך, הלא בתחילה מונים ישראל שש שנים שחורשים וזורעים שדותיהן, ואחרי כן עושין השנה השביעית שמיטה.

ואפ"ל בדברי הכתוב דהנה ידוע שכל מה שאנו צריכין לעסוק במלאכה כדי להתפרנס אינו אלא בזמן הזה שגרם החטא (עי' קידושין דף פ"ב ע"א), אבל אחרי ביאת המשיח שוב לא יצטרכו ישראל לעסוק במלאכה, כי מזונותיהם יהיו מצויים להם בריוח ובהשקט בלי שום טורח ועמל (כדאיתא בגמ' שבת ל' ועיין רמב"ם סוף ה' מלכים), ויהיו כל ישראל פנויים לתורה ולעבודת השי"ת, שזהו תכלית הבריאה, שיהיו ישראל עוסקין בתורה ובעבודת הבורא, אלא שבזמן הזה ההכרח הוא לעסוק במלאכה לצורך הפרנסה, אלא האדם יזכור עסק הפרנסה צריך שיהא במידה שישאר לו פנאי לעסוק בתורה ובעבודת השי"ת.

וזה שאמר הכתוב כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם, רמז על ביאת הארץ לעתיד בעת ביאת המשיח, אזי ושבתה הארץ שבת לה', כי אז תשבות הארץ בכל השנים, שאז תושלם כוונת הבריאה, ויהיה התיקון השלם, ושוב לא יהיה צורך להתעסק בפרנסה, אלא יהיו פנויים לגמרי ממלאכה ועוסקים כל ימיהם בתורה ובעבודת ה', ואח"כ אמרה התורה את ההלכות לזמן הזה, וזה שאמר שש שנים תזרע שדך, שעדיין לא זכינו להתיקון השלם, וצריכים אנו לעסוק במלאכה כדי להתפרנס, על כן איצטריך קרא למימר שש שנים תזרע שדך וגו', להורות שהרשות נתונה לעסוק בעבודת שדה וכרם לצורך פרנסתו ופרנסת אנשי ביתו, ובשנה השביעית שבת שבתון יהיה לארץ וגו'.

**(דברי יואל)**

**וקראתם דרור בארץ לכל יושביה.**

לכאורה אין דעם יאר האט מען דאך באפרייט נאר די קנעכט, איז פארוואס רופט אן די פסוק אז עס איז געווארן א פרייהייט 'לכל' יושביה.

נאר די גמרא זאגט אין קידושין (דף כ.) אויף דער פסוק כי טוב לו עמך, עמך במאכל ועמך במשתה, שלא תהא אתה אוכל פת נקיה והוא אוכל פת קיבר, אתה שותה יין ישן והוא שותה יין חדש, אתה ישן על

בס"ד

גבי מוכים והוא ישן על גבי התבן, מכאן אמרו כל הקונה עבד עברי כאילו קנה אדון לעצמו, פרעגט תוס', וקשה מאי אדון, די לו להיות כאדונו, ס'איז גענוג אז ער איז אזוי ווי זיין הער, און פארוואס זאגט די גמרא אז דער עבד איז ווי א אדון פאר אים. ויש לומר דפעמים אין לו אלא כר אחת, אויב דער אדון האט נאר איין קושן, אם שוכב עליו בעצמו, און ער גיבט עס נישט פארן עבד, אינו מקיים כי טוב לו עמך, ווייל ער זארגט נישט ס'זאל זיין גוט פארן עבד, ואם אינו שוכב עליו וגם אינו מוסרו לעבדו זו מדת סדום, און אויב ער גיבט עס נישט פאר זיך, און נישט פארן עבד, איז עס מידת סדום, וועגן דעם איז ער מחוייב עס אוועק צוגעבן פאר זיין עבד, וועגן דעם זאגט די גמרא כאילו קונה אדון לעצמו.

ממילא קומט אויס אז ווען דער עבד ווערט באפרייט אין יובל, ווערט דער בעל הבית אויך באפרייט, און וועגן דעם זאגט דער פסוק וקראתם דרור בארץ 'לכל' יושביה.

(פני יהושע)

# הילולא דצדיקיא

## הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע - י"א אייר

**רבינו שליט"א האט דערציילט אמאל אין א שמועס, אז די וועלט דערציילט אויפן ראפשיצער רב, אז בימיו איז געווען א איד וואס איז געווען ל"ע פאראליזירט, ער האט נישט געקענט גיין, האט ער געבעטן מ'זאל איהם פירן צום ראפשיצער רב, און ווען מ'האט איהם דארטן געפירט, האט מען איהם אראפ געלייגט נעבן הויז פון ראפשיצער רב, אויפצומארגנס פארטאג'ס ווען ס'איז נאך געווען טונקל האט דער ראפשיצער רב געוואלט ארויס גיין, און דער איד ליגט דארטן און ער קען נישט אדורך גיין, דער ראפשיצער רב האט נישט געוואוסט אז דער איד קען נישט גיין, זאגט ער איהם "הייבט אייך אויף און גייט פון דא", דער איד האט זיך טאקע אויפגעהויבן און אנגעהויבן צו גיין.**

**אויך האט רבינו שליט"א דערציילט אז דער ראפשיצער רב איז אמאל געווען אין ליזענסק, און דער רבי ר' אלימלך האט געוואלט אפרעכטן 'תיקון חצות', און ער איז ארויסגעקומען און געזאגט פאר'ן גבאי'ן אז ער קען נישט... עפעס גייט דא פאר אין**

בס"ד

שטעטל. ס'איז שוין געווען אינמיטן די נאכט, און ער האט איהם געהייסן גיין אויפזוכן וואס טוהט זיך דא, איז ער ארום געגאנגען און מ'איז שוין געשלאפן, ס'איז שוין געווען חצות הלילה, ביז ער איז צוגעקומען ערגעץ וואו ס'איז געווען לעכטיג, איז ער אריינגעגאנגען דארטן, און ער האט געזעהן אז ס'איז א חתונה פון א יתום און א יתומה, און דער ראפשיצער רב איז געשטאנען דארט און משמח געווען חתן און כלה. דאס האט געשטערט פאר'ן רבי ר' אלימלך צו זאגן תיקון חצות, ווייל ער האט דעמאלטס משמח געווען חתן און כלה.

רבי אייזיק'ל קאמארנער (הרה"ק רבי יצחק אייזיק יהודה יחזקאל ז"ל) שרייבט אין זיין ספר (זוהר חי - קאמארנא ח"ב דף שמ"ה) אז ער איז אמאל געווען ביים ראפשיצער רב, און ער איז געשטאנען פרייטיג נאכמיטאג אונטער זיין בענקל, און דער ראפשיצער רב האט אים נישט באמערקט, און ער האט געשמועסט מיט זיין רעביצין פון סתם ענינים, און ער האט מרגיש געווען אז ער איז מכוון יעצט די כוונות פון די מקוה, שרייבט דער קאמארנער 'והייתי מרעיד' ווי אזוי מ'קען מלביש זיין אזעלכע זאכן אין דברים פשוטים.

די וועלט דערציילט אז דער ראפשיצער רב האט געזאגט א ווערטל, אז ער האט זיך אויסגעלערנט אז די ערשטע נעמט מען פאר זיך. ווייל ער האט אמאל גע'חלומ'ט אז משיח איז געקומען, און מ'איז געגאנגען צו די סעודת לויתן, און מ'האט איהם מכבד געווען צו טיילן יין המשומר, האט ער אויסגעטיילט פאר'ן גאנצן עולם, און ווען ער האט געדארפט נעמען פאר זיך האט ער זיך אויפגעוועקט... האט ער זיך אויסגעלערנט אז די ערשטע נעמט מען פאר זיך.
דער ראפשיצער רב'ס ווערטליך זענען געווען עמוק עמוק, יעדער זאך האט געהאט עפעס א מכוון, ער האט געזאגט אז ער האט קיינמאל קיין ווערטל נישט געזאגט, ער האט אויך געזאגט 'עס איז נישטא נאך אזא קרומע זאך ווי א גלייך ווערטל'.
סוף ימיו האט דער ראפשיצער רב שוין נישט געוואלט רעדן, ער האט געזאגט בענוותנותו אז ער קען שוין נישט מכוון זיין. זכותו יגן עלינו ועכי"א.